Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען — היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 270 | Łódź, Poniedziałek, 21 listopada 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, כ״ב מרחשון תרצ״ג | № 270

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 71=224


# ווידער א שווערע קאטאסטראפע אין ווארשא

## דורכגעבראכען א פאדלאגע איז א קלויסטער און 12 פערזאן זענען שווער פערוואונדעט געווארען

וו א ר ש א, 20 (טעלעפאניש)

דא איז ווידער געשעהען א גרויסע קאטא־סטראפע מיט מענשען־קרבנות.

נאך פריש איז אין זכרון די שרעקליכע בוי־קאטאסטראפע אויף קראכמאלנע, און איצט איז אין שטאט ענטשטאנען א געוואלדיגע מהומה. געשעהן איז אט וואס:

אין דעם קלויסטער פון שוו. קושיוש אויף קראקעווער פארשטאט, וואס געפינט זיך ענטקעגען דעם אוניווערזיטעט איז, בעת א גאטעס־דינסט, אויף וועלכער עס זענען געווען אנוועזנד עטליכע הונדערט מענשען — איינגעפאלען א שטיק פאד־לאגע.

12 מענשען זענען אריינגעפאלען אין דעם אונטערערדישען חייל פונ׳ם קלויסטער און זענען שווער פערוואונדעט געווארען.

פון זיי זענען 11 פרויען און איין מאנס־פערזאן.

מען האט זיי אלע אפגעפיהרט אין שפיטאל.

אויפן ארט זענען תיכף אנגעקומען דער פא־ליציי־קאמענדאנט, פראקוראר, דער וואיעוואדע, פייערלעשער.

די פייערלעשער האבען עס טאקע ארויסגע־שלעפט די פערוואונדעטע פון דעם אונטערערדישען קעלער.

אויף דער גאס האבען זיך פערזאמעלט טוי־זענדער מענשען און נאך פערגרעסערט די מהומה.

עס האבען זיך אגב פערשפרייט קלאנגען, אז אינ׳ם קלויסטער איז געווארפען געווארען א באמ־בע, אז עס איז איינגעפאלען דער סופיט א.א.וו.

---

# ארבייטסלאזע פערכאפען פראנק־פורטער ראטהויז

## מען האט זיי געמוזט צוזאגען נאכצוגעבען די פאדערונגען

פ ר א נ ק פ ו ר ט, 20 (ספ. טעל.)

א המון פון ארבייטסלאזע מיט זייערע ווייבער און קינדער האבען זיך היינט אריינגעריסען אין דעם ראטהויז, פערכאפט אלע אמטען, אויס־געזעצט די קינדער אויף די פאטעלען פון די בע־אמטע און געפאדערט ברויט און קויהלען.

2 שעה האבען זיי בעהערשט דאס ראטהויז.

מ׳האט זיי געמוזט צוזאגען, אז א טייל פון זייערע פאדערונגען וועלען נאכגעגעבען ווערען.

---

# היטלער איז זיך מכין

## ווייטערדיגע קאנפערענצען צווישען די דייטשע פארטייען

ב ע ר ל י ן, 20 (ספ. טעל.)

היינט זענען פארגעקומען ווייטערדיגע גע־שפרעכען און בעראטונגען צווישען די פארשטעהער פון די פארטייען; דער עיקר — צווישען די נא־ציאנאל סאציאליסטען און דעם צענטרום

היינט האט אויך היטלער קאנפערירט מיט׳ן מיניסטער שלייכער, וועלכער זאל זיין דער, וואס שטיצט היטלער׳ס קאנדידאטור.

די דייטש־נאציאנאלע זענען געגען היטלער׳ן און זיי שטעלען ארויס אנ׳אייגענעם קאנדידאט אויף רייכס־קאנצלער דעם באראן פאן־ליינינג.

## היינט — ערעפנונגס־זיצונג פונם פעלקער־בונד־ראט

ג ע נ ף, 20 (ספ. טעל.)

מארגען עפענט זיך דער ראט פון דעם פעלקער־בונד.

---


# מיטאגען בחנם

נישט, אבער ביליגער און בעסער ווי איבעראל יא

מארגען, דינסטאג, ד. 22 נאוועמבער 1932 קומט פאר די ערעפנונג פון

מאדערנ־ און קאמפארט־אייגעארדענטע

# כשר׳ן רעסטאראן

6טער שערפיען 29, פראנט 1־טער שטאק

וואס עמפפעהלט די געשמאקפולסטע און בעסטע מיטאגען פון 3 געננ. 80 גר.

זופען א גאנצען טאג צו בעקומען מיט ברויט נור 30 גר.

טעה א גאנצען טאג צו בעקומען 10 גר.

פרייע און סאלידע בעדינונג. קומט און איבערצייגט אייך!

4778



# בעקאנטמאכונג.

אויפ׳ן גרונד פון דער קאנצעסיע, וואס מיר האבען ערהאלטען פון דער סאוויע־טישער האנדעלס־מיסיע אין ווארשא, איבערשיקען מיר אלע ארט

# שפייז־פעקלעך נאך רוסלאנד

בעשטעלונגען נעהמען אן:

אונזער עקספעדיציע: פעטריקאווער 8, טעל. 68=127

צענטראלע: פעטריקאווער 25 „ 64=205

די פיליעס און אפנעהמער׳ס:

נאוואמיעסקא 34, טעל. 67=158

פעטריקאווער 51, „ 83=219

נאוואמיעסקא 13, „ 09=217

קאנסטאנטינער 11 (ליסטאפאד) 20

אלע פארמאליטעטען ווערען ערלעדיגט אויפ׳ן ארט. דער אדרעסאט קריגט פראנקא דעם פאקעט. אין קאטאוויץ נעמט אן בעשטעלונגען אונזער פיליע: שוו. יאנא 24.

Wędliniarnie S. DISZKIN, Sp. Akc. w Łodzi

Piotrkowska 8, tel. 127-68.

4769



# אויגען־קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

# Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעל. 72=221

נעהמט אן שטענדיגע אויגען־קראנקע (צוועק אפע־ראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטאריש פון 9—1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

1640



„לינת־הצדק" לאדז צעגעלניאנא 17

דער פיזיקאליש טעראפישער קאבינעט

איז טעגליך טעטיג פון 11—1 און 4—6 אווענד און געפינט זיך אונטער׳ן אויפזיכט פון א דאקטאר־ספעציאליסט. קווארץ־לאמפען, דיאטערמיע, סאלוקס, עלעקטרישע בעדער.



# פאר גאלד, בריליאנטען

און לאמבארד־קוויטעס צאהלט די העכסטע פרייזען

אליזאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7



גמילות־חסדים־קאסע ביים פעראיין „משמרת החולים"

# בעקאנטמאכונג.

זונטאג, ד. 4/XII ד. י. קומט פאר אין לאקאל פון פליישער־פעראיין, זגערזשער 84

די יעהרליכע

# אלגעמיינע פערזאמלונג

צום 1־טען טערמין 6 א זייגער נאכמיטאג און 8 אווענד צום צווייטען טערמין, גילטיג ביי יעדער צאהל מיטגלידער, מיט פאלגענדער טאג־ארדנונג:

1) ערעפנונג פון דער פערזאמלונג; 2) וואהלען פון א פארזיצער און א סעק־רעטאר און 2 אסעסארען; 3) לעזען דעם פראטאקאל פון דער לעצטער גענע־ראל־פערזאמלונג; 4) קאסע און טעטיגקייטס בעריכט; 5) בודזשעט פאר׳ן יאהר 1933/34; 6) וואהלען פון א פערוואלטונג און א רעוויזיאנס־קאמיסיע; 7) פערשידענעס.

בעמערקונג: אלע מיטגלידער ווערען געבעטען ביז צו דער פערזאמלונג צו רעגו־לירען די מיטגלידס־בייטראגען, כדי נישט צו פערלירען דאס וואהל־רעכט.

די פערוואלטונג.

4777


מיר דריקען אויס אונזער הארציגען מיטגעפיהל אונזער ג׳ פרעזעס פון ראט ה׳ לייב ראזענבערג צוליב׳ן טויט פון זיין מוטער

# יוטע

אין אסטראווצע.

ה׳ ינחם אותו בתוך אבלי ציון וירושלים.

ראט, פערוואלטונג און פערסאנאל

פון דער קליינהענדלער־באנק אין לאדז

אגראדאווא 2.


# קאמוניקאט.

מיר מאכען בעקאנט, אז מיר האבען בעפולמעכטיגט

די פירמע

# ס. דישקין,

א.ג. אין לאדז, פיעטריקאווער 8

איבערצושיקען שפייז־פעקלעך נאך רוסלאנד

לויט דעם פון אונז בעשטימטען צעניק.

Przedstawicielstwo Handlowe

Z. S. R. R. w Polsce

Warszawa, Koszykowa 4.

4768



# אכטונג, עקסקורסאנטען קיין ארץ־ישראל!

די 5־טע גרופע פאהרט אפ דאנערשטאג, ד. 24/XI. אלע וועלכע האבען בעקומען מעלדונגען דארפען זיך תיכף מעלדען. ס׳איז נאך פאראן איניגע פרייע פלעצער אויף דער עקסקורסיע קיין א״י אין חודש גרודזיען. איינשרייבען קאן מען זיך טעגליך פון 10—1 און פון 4—7 אין

תוצרת ארץ־ישראל, לאדז שרודמיעסקא 1.

4776

